יז. ס'איז דאך אויך רגיל - בשנים האחרונות, בלי נדר - צו אפלערנען אן ענין אין פירש"י; אדער מבאר זיין א חסר או יתיר, אדער אן ענין אין פשש"מ,

איז דא בפרשתנו א פירש"י אויפן פסוק (כה, א) "ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה".

רש"י שטעלט זיך אויפן ווארט "קטורה" און זאגט: "זו הגר". פרעגט זיך די שאלה: אויב דאס איז הגר, פארוואס ווערט זי אנגערופן קטורה? זאגט רש"י אז דאס איז ווייל "נאים מעשי' כקטורת", אירע מעשים זיינען שיין אזוי ווי עבודת הקטורת.

און רש"י איז ממשיך: "ושקשרה פתחה שלא נזדווגה לאדם מיום שפרשה מאברהם", ד.ה. אז אין דעם ווארט "קטורה" ווערט אויך נרמז דער ענין פון "קשר", ווייל אין לשון תרגום בייט זיך א שי"ן אויף א טי"ת, במילא הייסט "קשר" - "קטר".

- קען מען דאך אבער לערנען אז "קשרה פתחה" מיינט אז זי האט פארמאכט די טיר פון איר הויז, וואס דאס איז דאך היפך הענין פון הכנסת אורחים - מדתו של אברהם אבינו - איז רש"י ממשיך ומבאר אז דאס מיינט "שלא נזדווגה לאדם מיום שפרשה מאברהם", ד.ה. אז זי האט מיט קיינעם ניט געהאט צוטאן מיום שפרשה מאברהם.

און דער פירוש פון רש"י'ן (זו הגר וכו') איז אן ענין פון פשוטו של מקרא - ניט קיין דרוש. ס'איז מערניט וואס די מדפיסים האבן צוגעשטעלט דעם מראה מקום אז דאס שטייט אין מדרש - אבער רש"י אליין זאגט דאס ניט אלס ענין של דרוש, נאר אלס א פירוש אין פשוטו של מקרא.

יח. דארף מען פארשטיין:

א) צום אלעם ערשטן - די קלאץ קושיא - וואס איז דער הכרח אין פשש"מ צו זאגן אז דאס איז הגר? - לכאורה, בשעת ס'שטייט צוויי נעמען, מיינט דאס צוויי אנדערע זאכן, במילא לייגט זיך צו זאגן אז דאס איז אויך אן אנדערע אשה, איז צוליב וואס דארף מען לערנען אז דאס איז הגר, און דוכן הסברים פארוואס הייסט זי דא קטורה?

- און -

און ווי כ'זעט בכ"מ לפנ"ז, אז בשעת ס'שטייט צוויי נעמען אויף איין זאך, דארף מען באווארענען אז דאס איז דער זעלבער עניך. ווי מ'זעט דאס בתחלת הפרשה, אז וועך ס'שטייט "קרית ארבע", מוז דער פסוק אויסטייטשן "היא חברון" - ווארום אי לאו הכי וואלט מען געלערנט בפשטות אז דאס זיינען צוויי באזונדערע שטעט -

איז וואס איז דער הכרח בעניננו אז "קטורה זו הגר"?

נאכמער: דער מקור פון פירש"י איז דאך אין מדרש (ב"ר פס"א, ד), איז אז מ'גיט א קוק דארטן זעט מען, כמה שאלות אויפן פירוש אז קטורה זו הגר: פארוואס שטייט ויוסף אברהם; פארוואס שטייט ווייטער (פסוק ו) "בני הפלגשם" לשון רבים,

וואס אע"פ אז ס'שטייט חסר, אן א יו"ד - איז (א) דער קרי איז דאך פילגשים לשון רבים, (ב) אויב דאס מיינט לשון יחיד וואלט געדארפט שטיין "פלגשו", אזוי ווי ס'שטייט בסוף פרשת וירא "ופלגשו ושמה ראומה"?

און דער תירוץ וואס שטייט אין מדרש (בנוגע למש"כ "ויוסף אברהם") אז "ויוסף" מיינט אז דאס איז על פי הדיבור, כמ"ש (ישעי' ח, ה) "ויוסף ה' דבר אלי" - האט דאס ניט קיין שייכות צו פשוטו של מקרא, ווארום רש"י פרעגט ניט די קושיא, און ענטפערט ניט דעם תירוץ.

איז פארוואס זאגט רש"י אז קטורה זו הגר, וואס דעמולט דארף מען אנקומען צו תירוצים וכו' - לכאו' קען מען דאך זאגן בפשטות אז דאס איז אן אנדערע אשה וואס הייסט קטורה?

ב) אויך דארף מען פארשטיין - כקושיית מפרשי רש"י (משכיל לדוד) - פארוואס זאגט רש"י ביידע טעמים אויפן נאמען "קטורה" (נאים כו' כקטורת, ושקשרה פתחה כו') בהמשך אחד - און ניט ווי כרגיל בכ"מ, אז בשעת ער ברענגט א צווייטן טעם זאגט ער "דבר אחר", דאס איז דאך צוויי באזונדערע טעמים, האט ער געדארפט זאגן "ד"א"?

ג) רש"י האט מפרש געווען אויף "ותלך ותתע" (וירא כא, יד) אז "חזרה לגלולי בית אבי'" - איז ווי זאגט דא רש"י אז "נאים מעשי' כקטורת" (וכמו שהקשה בפענח רזא כאן)?

יט. בהמשך לפירש"י זה איז אויך דער ארט צו אפשטעלן זיך אויף א גמרא תמוהה וואס איז דא אויף דעם פסוק, וואס דאס איז א געשמאקער עניך (חסר כאן מאמר המוסגר):

די גמרא אין זבחים (סב, רע"ב) דערציילט: "בני אחתי' דרבי טרפון הוו יתבי קמי' דרבי טרפון (און רש"י איז מפרש: "ולא הוו אמרי מידי"), פתח ואמר (ופירש"י: "כדי שידברו") ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה יוחני (פירש"י: "מילתא בעלמא הוא דקאמר כדי לפתוח פיהם"), אמרי לי' (זיי האבן זיך אויפגעכאפט און געפרעגט) קטורה כתיב, קרי עליהם בני קטורה".

וואס אין דער גמרא זיינען דא כמה דיוקים:

א) וויבאלד דער סיפור שטייט אין גמרא מוז מען זאגן אז דאס איז נוגע אלס הוראה צו אונז, ווייל אויב ניט האט ניט קיין ארט צו דערציילן דעם גאנצן סיפור, ווארום אפי' בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב (פסחים ג, א), עאכו"כ בגנות פון בני אחתי' דר"ט - איז וואס איז די הוראה דערפון?

ב) פארוואס האט ר"ט גענוצט א פסוק פון תורה כדי צו מעורר זיין בני אחתי' (זיי זאלן זיך אויפכאפן דערפון וואס ער זאגט א דבר תמוה -

- ושמה -

ושמה יוחני) - ס'איז דאך דא א סאך מיטלען ווי אזוי צו מעורר זיין, און מ'דארף ניט נוצן אויף דעם א לשון פון א פסוק אין תורה.

וכידוע וואס דער רבי דער שווער האט דערציילט אז ביים רבי'ן מהר"ש איז געווען אזעלכע וואס האבן איינגעדרמלט בשעת ער פלעגט חזר'ן חסידות - האט דער שמש געוואוסט אז בשעת איינער דרעמלט איין, דארף ער אים אונטערשטעלן טאבאק, און אז יענער האט א שמעק געטאן, האט ער זיך אויפגעוועקט,

- האט דאך געקענט זייך אויך דא עד"ז, אז ר"ט זאל טאן אנדערע זאכן אויף זיי אויפוועקן - און ניט נוצן זיך מיט א פסוק פון תורה?

ג) צוליב וואס האט ר"ט גענוצט דעם נאמען "יוחני", בשעת ער האט געקענט זאגן "ושמה הגד" - וואס דאס שטימט עכ"פ מיט דער מציאות, ס'איז מערניט וואס ניט דאס איז לשון הכתוב; וואלט ער דאך דורך דעם געקענט זיי מעורר זיין - צוליב וואס האט ער געדארפט זאגן אן אנדער נאמען "יוחני"?!

ד) צוליב וואס האט ר"ט געדארפט ברענגען אויך דעם ערשטן האלבן פסוק "ויוסף אברהם ויקח אשה" - ס'איז דאך גענוג ער זאל זאגן "ושמה יוחני"? ואע"פ אז דעמולט וועלן זיי (בני אחתי') ניט וויסן וועלכן פסוק ער מיינט, האט ער געקענט זאגן נאר "ויקח אשה ושמה יוחני" - צוליב וואס האט ער געדארפט זאגן אויך דעם ערשטן האלבן פסוק "ויוסף אברהם"?

ה) רש"י טייטשט אז ר"ט האט זיי גערופן "בני קטורה" - "אינם יודעין לדבר בהלכה", ווייל "הוי יתבי קמי דר"ט ולא הוו אמרי מידי".

ולכאו': ס'איז דאך א דין אין שו"ע (יו"ד סרמ"ב ס"ד) אז "אסור לאדם להורות בפני רבו" - האבן זיי גאר ניט געטארט רעדן בפני ר"ט?

ובפרט נאך אז רבו בנדו"ד איז ר"ט - און לאידך, די תלמידים זיינען בלויז בני אחתי', אן קיין כינוי (וואס דאס באווייזט אז זיי האבן ניט קיין מעלה אויסער דעם וואס זיי זיינען בני אחתי' דר"ט), ביז ווי ס'האט זיך אויסגעוויזן דערנאך אז "אינם יודעין" - איז וואס איז דער חסרון אז "לא הוו אמרי מידי"?

וכפי שיתבאר לקמן.

כז. הביאור בפירש"י:

דער בן חמש למקרא וועט דאך באלד לערנען (פסוק ט) אז ישמעאל האט תשובה געטאן, און נאכמער: ער האט שוין געלערנט פריער (לך טו, טו) אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם׳ן "ואתה תבוא אל אבותיך בשלום תקבר בשיבה טובה" ופירש"י: "בשרו שיעשה ישמעאל תשובה בימיו", ועד"ז זאגט רש"י "למדך שעשה תרח תשובה" - פרעגט ער די שאלה פארוואס געפינט מען ניט אז אברהם האט גע׳פועל׳ט אויף הגר׳ן זי זאל תשובה טאן?

ובפרט אז בפשטות דארף מען זאגן אז הגר איז שוין געווען בקירוב מקום צו אברהם, ווארום רש"י זאגט אויף "את שני נעריו" (וירא כב, ג) - - "ישמעאל -

"ישמעאל ואליעזר", ד.ה. אז בעת העקידה איז ישמעאל געגאנגען צוזאמען מיט אברהם, איז ער דעמולט געווען בקירוב מקום צו אים;

ובפשטות דארף מען זאגן אז הגר איז געווען די גאנצע צייט צוזאמען מיט ישמעאל׳ן, און זי האט אים באזארגט מיט אלע ענינים וואס ער דארף, ווי ס׳שטייט (שם כא, כא) "ותקח לו אמו אשה", ועד"ז שאר עניניו - איז הגר אויך געווען בקירוב מקום צו אברהם *). ובפשטות האט שרה מסכים געווען אויף דערויף.

ובפרט לאחר פטירת שרה, וואס דעמולט איז דאך בטל געווארן די סיבה פון "גרש האמה הזאת ואת בנה". ובפרט לאחרי נישואי יצחק ורבקה, וואס דעמולט האט אברהם אפגעגעבן את כל אשר לו צו יצחק׳ן (פרשתנו כד, לו ובפירש"י) - איז שוין ניטא דער חשש פון "לא יירש בן האמה הזאת".

ועד"ז דערפון וואס רש"י (וירא כב, א) זאגט אז ישמעאל "הי׳ מתפאר על יצחק שמל בן י"ג שנה ולא מיחה", ד.ה. אז ער האט זיך בארימט אז ער האט געהאט מס"נ אויף מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס א מצוה (וואס דאס האט דאך געבראכט דעם נסיון העקידה כפירש"י (שם)) - איז דערפון פארשטאנדיק אז ישמעאל האט שוין תשובה געטאן, און ביי אים איז שוין ניט געווען דער ענין פון "מצחק" (וואס דאס גייט דאך אויף אלע ג׳ ענינים: ע"ז, ג"ע און ש"ד, ווי רש"י (שם כא, ט) טייטשט אפ) - איז בטל געווארן די סיבה פון "גרש גו׳ את בנה";

פרעגט דער בן חמש למקרא: ווי קומט דאס אז ישמעאל׳ן האט אברהם מחזיר געווען בתשובה, און אפי׳ די נפש וואס זיינען געווען אין חרן, איז אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת הנשים (רש"י לך יב, ה) - און בנוגע הגר געפינט מען ניט אז אברהם האט גע׳פועל׳ט אויף איר זי זאל תשובה טאן - לא יאומן כי יסופר!?

און אויף דער טענה פון דעם בן חמש למקרא קומט רש"י און זאגט אים אז "קטורה זו הגר" - אט געפינסטו אז אברהם האט גע׳פועל׳ט אז הגר זאל תשובה טאן אויף דעם וואס "חזרה לגלולי בית אביה", און דערפאר רופט איר אן דער פסוק "קטורה", מרמז זיין אז איצטער איז "נאים מעשיה כקטורת".

כח. דערביי זעט מען ווידער א מאל אויף וויפל אין רש"י איז יעדער ווארט בדיוק:

רש"י שרייבט "<u>זו</u> הגר" - ניט ווי לשון הכתוב בכ"מ לפנ"ז, ע"ד "קרית ארבע <u>היא</u> חברון"; "והנהר הרביעי <u>הוא</u> פרת" (בראשית ב, יד); און אויך לשון רש"י גופא איז "אמרפל <u>הוא</u> נמרוד" (לך יד, א). והביאור בזה:

- דער -

---

*) לא שהיתה בביתו <u>ממש</u>, כ"א שבטל המצב <u>דגרש</u> האמה גו׳, שמזה מובן שהייתה בקירוב מקום,

וכמ"ש רש"י עה"פ (כד, סב) "ויצחק בא מבוא באר לחי ראי והוא יושב בארץ הנגב" - "שהלך להביא הגר לאברהם", וממשיך תומ"י "והוא יושב בארץ הנגב" - "<u>קרוב</u> לאותו באר כו׳ <u>ושם</u> הי׳ הבאר".

וגם ישמעאל <u>כן</u> לא בביתו ממש (עיין פרש"י סוף הפרשה: עד שלא מת אברהם <u>ישכון</u>).

- דער חילוק צווישן "הוא" און "זה" איז, אז "הוא" איז לשון נסתר, און "זה" איז לשון נוכח. ולפי זה: בשעת ס'שטייט "קרית ארבע" און דער פסוק וויל זאגן אז דאס איז חברון, איז ווייבאלד אז פריער האט זיך ניט גערעדט וועגן דערויף, ס'איז א נייע זאך, שטייט דער לשון "היא (חברון)" לשון נסתר;

משא"כ אבער בשעת דער בן חמש למקרא פרעגט און טענה'ט וואו איז הגר, וואס איז מיט איר, פארוואס געפינט מען ניט זי זאל תשובה טאן?! - זאגט אים רש"י: "זו הגר", לשון נוכח - אט איז זי, אט געפינסטו דאס וואס דו האסט געזוכט און ניט פארשטאנען. און דערפאר איז רש"י מדייק און שרייבט "זו הגר".

כט. דער בן חמש למקרא קען נאך אבער טענה'ן:

ס'שטייט דאך פריער אז הגר "חזרה לגילולי בית אביה" - קען דאך זיין אז זי איז אויך נכשל געווארן און נזדווגה לאדם -

[וע"ד ההלכה וכו' - איז א סברא אז זי האט געמעגט חתונה האבן מיט א צווייטן, ווארום אברהם האט דאך איר מגרש געווען, כמ"ש "גרש האמה הזאת" - מלשון גירושין, ובפרט אז קודם מ"ת האט מען ניט געדארפט האבן א ספר כריתות, נאר דאס גופא וואס "שילחה מביתו", איז דאס אן עניין של גירושין (ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ט ה"ח).

- ואברהם האט דאך מקיים געווען את כל התורה, ווי דער בן חמש וועט באלד לערנען בפסוק "עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי גו'" (תולדות כו, ה), און ער האט שוין געלערנט פריער דעם פסוק "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו גו' ושמרו דרך ה'" (וירא יח, יט) - איז ווי האט ער בעקענט נעמען הגר'ן, עס איז דאך דא איסור מחזיר גרושתו לאחר שניסאת - באווארענט מען אז נאכמער "קשרה פתחה" לגמרי.

- אבל להעיר שאין שייך כ"ז אויב מ'וועט אנעמען אז זי איז געווען א "אמה" (ניט קיין "אשה") - דארף זי ניט האבן קיין גט (בפשש"מ איז ניט ברור צי זי איז געווען א אמה אדער א אשה, ס'איז אבער מער מסתבר צו זאגן אז זי איז געווען א אמה) *)].

און ווייבאלד אז דער פסוק "ויוסף אברהם גו'" קומט בהמשך צום פסוק שלפניו (ויוסף), וואס דארטן רעדט זיך וועגן "אמו" (שרה), און וועגן "רבקה" - וואס ביי זיי איז געווען דער עניין הצניעות בתכלית: בנוגע לשרה - כפירש"י עה"פ (לך יב, יא) "עתה ידעתי" - "מתוך צניעות שבשניהם"; בנוגע לרבקה - כמ"ש (פרשתנו כד, טז) "בתולה ואיש לא ידעה", כפירש"י שם; וגם כתיב (שם סה): "ותקח הצעיף ותתכס" - תכלית הצניעות;

און עס רעדט זיך וועגן אברהם וואס ביי אים איז דאך אויך געווען דער עניין הצניעות בתכלית (כפירש"י עה"פ עתה ידעתי כנ"ל),

- ווערט -

---

*) כ"ז ע"ד ההלכה, אבל הבן חמש לא למד הנ"ל. ולכן גם אאפ"ל שרש"י באווארענט שלא היו בזה איסור "הכזונה יעשה גו'" - שה"ז נאמר לקמן (וישלח לד, לא). - כן אאפ"ל שבוונתו לשלול איסור "ויקחו גו' מכל אשר בחרו" ד"השחית" דדור המבול - שהרי שם פרש"י (בראשית ו, ב. ו, יב) שזהו בעולת בעל ואינו מינן.

ווערט ראך די שאלה: ווי אזוי האט אברהם (הצנוע בתכלית) געקענט נעמען הגר׳ן בשעת אז ס׳קען זיין אז זי האט געהאט צו טאן מיט א צווייטן?

דערפאר באווארנט טאקע רש"י אז אין דעם נאמען "קטורה" איז אויך מרומז אז "קשרה פתחה שלא נזדווגה לאדם מיום שפרשה מאברהם" (ד.ה. ניט נאר אז זי האט תשובה געטאן אויף אירע פריערדיקע מעשים, און איצטער איז נאיס מעשיה כקטורת, נאר אויך דעמולט איז קשרה פתחה וכו׳) - איז וויבאלד אז ביי איר איז געווען דער ענין הצניעות, האט איר אברהם געקענט נעמען.

ועפי"ז זיינען מובן די דיוקים הנ"ל.

און דאס וואס ס׳שטייט "ויוסף (אברהם)" (כקושית המדרש) - איז דאס ניט קיין קושיא אין פשש"מ, ווארום וויבאלד אז ער האט תתונה געהאט נאכאמאל (בהוספה על (ולאחר פטירת) שרה), דערפאר שטייט דער לשון "ויוסף". אדער - עפ"י הנ"ל אז פריער איז זי געווען א אמה - פאסט דער לשון "ויוסף", ווייל איצטער ווערט זי א אשה.

לב. דער ביאור אין די גמרא אין זבחים:

דער ענין פון "אברם" (אן א ה"א) איז רוממות והתנשאות, ובלשון החסידות (ראה לקו"ש חיי שרה ש.ז. ס"ז), שכל הנעלם מכל רעיון; העכער פון וועלט.

דערנאך בשעת דער אויבערשטער האט געוואלט ער זאל ווערן "אב המון גוים", ד.ה. ער זאל משפיע זיין אויך אין וועלט, האט ער אים צוגעגעבן א ה"א, "אברהם". און דאס קומט אראפ ע"י שרה, וואס זי הייסט אויך שרה - על כל, און ניט שרי - נאר לי (פירש"י לך יז, טו), וואס דורך דעם ווערט דאס נמשך אין בי"ע דקדושה, ביז אין עניני הרשות (עכ"פ).

אבער בנוגע צו ישמעאל׳ן זאגט שרה "גרש האמה הזאת גו׳", ווייל דורך איר קען ניט אראפקומען די השפעה אז מ׳זאל קענען איבערמאכן ענינים פון לעו"ז.

דערנאך קומט צו די עבודה פון אברהם וואס ער איז מחזיר בתשובה ישמעאל׳ן און הגר׳ן (ויקח אשה גו׳), ווי אברהם האט געזאגט "לו ישמעאל יחי׳ לפניך" (שם יז, יח),

ביז אז ווען ס׳איז געקומען צו דער עקידה, און דער אויבערשטער האט אים געזאגט "קח נא את בנך" - טענה׳ט ער אז ער האט אויך ישמעאל׳ן, "יחידך" - אויך ישמעאל; "אשר אהבת" - אויך ישמעאל! ביז אז דער אויבערשטער האט געזאגט "את יצחק",

וואס אברהם אבינו האט דאס ניט געטאן אויף צו משתמט זיין זיך ח"ו, ער האט טאקע געהאלטן אז ס׳קען זיין אז דער אויבערשטער מיינט ישמעאל׳ן - וויסנדיק אז די עקידה איז נאר מיט איינעם, און אויב דאס וועט זיין ישמעאל, וועט דאס ניט קענען זיין יצחק - א דבר מבהיל לכאו׳!

לג. איז דער ביאור בזה, ע"פ המבואר אין מדרש (ב"ר ספ"ב) אויפן פסוק "ויהי ערב ויהי בקר", אז איני יודע באיזה מהם חפץ, צי במעשיהם של צדיקים, אדער במעשיהם של רשעים.

פרעגט זיך די שאלה: ווי קען זיין חפץ במעשיהם של רשעים? אפי׳ אין דער דרגא פון מה איכפת לי׳ להקב"ה וכו׳ (ב"ר רפמ"ד), וואס דארטן

- זאגט -

זאגט מען אם צדקת מה תתן לו ורבו פשעך מה תעשה לו - איז דאס מערניט אין אן אופן פון כחשיכה כאורה; ווי קען אבער זיין אז חפץ במעשיהם של רשעים?

איז מבואר אין חסידות, אז ס'איז דא א מעלה אין מעשיהם של רשעים אז זדונות נעשו לו כזכיות, ביז אז במקום שבעלי תשובה עומדים אפי' צדיקים גמורים אין יכולין לעמוד שם (ברכות לד, ב), - איז כדי ס'זאל זיין דער ענין התשובה, מוז פריער זיין א מציאות פון מעשיהם של רשעים, עכ"פ בדקות דדקות - וואס דערפאר קען זיין די סברא אז חפץ במעשיהם של רשעים.

וכמבואר אין הניא (פכ"ז) אז ס'איז דא "מטעמים - לשון רבים", שני מיני נחת רוח - אויך דער נח"ר פון עבודת התשובה. ביז אז אפי' ביי יעקב האט געדארפט זיין דער ענין פון אנטאן בגדי עשו, שעיר עזים, כדי ס'זאל זיין דער ענין פון עבודת הבירורים וכו'.

ועד"ז איז בנדו"ד, אז אברהם האט געזען אין ישמעאל'ן די מעלה פון תשובה - און דערפאר איז ביי אים געווען א ספק אמיתי וועמען מ'מיינט מיט "בנך יחידך אשר אהבת".

לד. אויף דערויף זאגט מען "ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה", אז אברהם האט מוסיף געווען בעבודתו, און דורך די הוספה האט ער געקענט פועל'ן דעם ענין פון תשובה ביי הגר'ן (אין לעו"ז).

און ווי דער צ"צ איז מבאר בכ"מ (אוה"ת ויצא רכ, א) אז דער ענין פון "ויוסף" איז מלשון "יוסף ה' לי בן אחר", אז פון דעם אחר מאכט מען א בן - דער ענין התשובה, וכמאמר (ב"ר פנג, ח) הוסיפה על המאודות, ד.ה. אז דורך ענין התשובה פועל'ט מען א המשכה וואס איז העכער פון סדר השתלשלות, העכער פון עולם על מילואו נברא.

וואס דער ענין איז אין הולדה כפשוטה, לידת ישמעאל, ועד"ז איז דאס אויך אין עבודה ברוחניות הענינים, אין לימוד התורה מיט א צווייטן אידן, וואס כל המלמד את בן חבידו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו (פירש"י במדבר ג, א) כדלקמן.

לה. דערמיט וועט מען פארשטיין דעם מאמר הגמ' הנ"ל:

ר' טרפון איז געזעסן, בני אחתי', וואס דער ענין פון בני אחתי' איז, אז רוב בנים דומים לאחי האם (ב"ב קי, א), איז וויבאלד זיי האבן א שייכות מיט אים, בני אחתי', האט ער געדארפט משפיע זיין אין זיי זיי זאלן זיין בדרגא נעלית יותר,

און אזוי ווי זיין עבודה ביז יעצט, איז ניט געווען מספיק אויף פועל'ן ביי זיי זיי זאלן זיין בדרגא נעלית יותר - האט ער געמוזט מוסיף זיין בעבודתו, און דורך דעם וועט ער קענען פועל'ן ביי זיי א עילוי.

ער האט אבער געזוכט אויף דעם ענין א פסוק (א רמז) אין תורה, און דערפאר האט ער געזאגט דעם פסוק "ויוסף אברהם", ד.ה. אז ער פועל'ט א הוספה אין זיך, און דאס איז פארבונדן מיט ויקח אשה - דער ענין פון הולדה, ועד"ז מלמד זיין בן חבירו, וואס דעמולט איז דאך כאילו ילדו.

לו. דערביי האט ער אבער אויסגעפירט "ושמה יוחני".

- וואס -

- וואס דערפון וואס ער האט ניט אויסגעטייטשט ווער איז דאס "יוחני", איז מובן אז דאס איז געווען א שם מפורסם בזמן ההוא, ביז אז מ'האט דאס ניט געדארפט אויסטייטשן - ווייל אלע האבן געוואוסט ווער "יוחני" איז.

- דער משכיל לדוד (על פירש"י כאן) ברענגט די גמרא פון זבחים, און זאגט אז די "ראשים של גילולי מצרים היו שמם יוחני וממרא" - דאס שטימט אבער ניט מיט "ויקח אשה", ווארום דער מכשף איז געווען א מאנסביל, און דא רעדט מען וועגן א אשה.

ס'איז אבער דא א גמרא אין סוטה דף כב, ע"א, וואס דארטן געפינט מען א פרוי וואס ווערט אנגערופן מיטן נאמען יוחני.

די גמרא זאגט דארטן אז ס'איז דא א "אלמנה שובבית" (א ווילדע אין פרומקייט) - "כגון יוחני בת רטיבי".

און די גמרא זאגט ניט ווער איז דאס יוחני בת רטיבי, אזוי ווי בנדו"ד - אין זבחים - טייטשט מען ניט אויס ווער זי איז, ווייל איר ענין איז געווען ידוע ומפורסם לכל בזמן ההוא.

איז רש"י מסביר: "אלמנה מכשפת היתה, וכשמגיע זמן לידת אשה היתה עוצרת רחמה במכשפוה, ולאחר שמצטערה הרבה היתה אומרת אלך ואבקש רחמים אולי תשמע תפלתי, והולכת וסותרת כשפי' וכו'" (וכפי הנראה איז רש"י'ס מקור פון א מדרש וכו').

וואס איז דער קשר מיטן שם "יוחני"?

איז דאס מובן עפ"י די גמרא אין ברכות (נז, רע"א) "הרואה הונא בחלום נס נעשה לו . . יוחנן נסי נסים נעשו לו". איז רש"י מסביר אז דאס איז ווייל דארטן איז דא א "נו"ן", און ביי יוחנן - צוויי מאל "נו"ן" -

וואס דערפון זעט מען אז "יוחני" איז פארבונדן מיט א ענין של נסים;

עד"ז געפינט מען אז דער לשון פון "חנינה" איז פארבונדן מיט הולדה פון קינדער, ווי עס שטייט (וישלח לג, ה) "הילדים אשר חנן אלקים את עבדך" (וראה גם לקו"ש מקץ תשל"ו ס"ד) -

איז וויבאלד אז "יוחני" איז פארבונדן מיט אן ענין של נס, און מיט הולדה פון קינדער - איז מובן פארוואס די הייסט "יוחני", ווייל איר ענין איז געווען מאכן א נס (מ'זאל מיינען אז ס'איז א נס וואס איז געקומען דורך איר תפלה) בנוגע צו הולדה פון קינדער.

דערפון איז מובן אויך אין רוחניות, בנוגע לכל המלמד את בן חבירו תורה, וואס דאס איז כאילו ילדו (כדלקמן)

לז. וואס דערפאר בשעת ר' טרפון האט געוואלט משפיע זיין אין בני אחתי', זיי זאלן האבן א שייכות צו הבנה אין תורה - האט ער געזאגט דעם פסוק "ויוסף אברהם", עס מוז זיין א הוספה אין דעם משפיע;

"ויקח אשה ושמה יוחני" - כדי צו פועל'ן א נס אין דעם ענין ההולדה (וואס דאס איז דער ענין פון יוחני כנ"ל) - בנדו"ד: אין המלמד את בן חבירו וכו' - דארף זיין דער ענין פון יוחני דוקא.

- אויב ער וועט זיי זאגן "(ושמה) קטורה", וואס קטורה איז דער טייטש פארבונדן, וועלן זיי ניט האבן קיין הבנה אין תורה, זייער קאפ

- וועט -

ווען בלייבן פארבונדן און פארמאכט; האט ער זיי געזאגט "ושמה יוחני" - פועל'ן אן ענין של הולדה (בנוגע צו תורה), אין אן אופן של "יוחני" - א נס אין ענין ההולדה (ווארום מצ"ע זיינען זיי ניט שייך דערצו) - אז זיי זאלן האבן א הבנה אין תורה.

און אויף דעם האבן זיי געענטפערט "קטורה כתיב" - איז קרי עלייהו בני קטורה, ד.ה. ער האט זיי געזאגט: אויב איך וואלט אייך געזאגט "ושמה קטורה", וואלט ביי אייך געבליבן פארבונדענע קעפ, וואס זיינען ניט שייך צו הבנה והשגה, נאר ס'דארף זיין אין אן אופן אז לגבי אחרים איז טאקע קשרה, אבער ניט לגבי אברהם.

און דערפאר האט ער זיי געזאגט "ושמה יוחני", ווייל ער האט געוואלט פועל'ן אז זיי זאלן קענען האבן א הבנה אין תורה - דער ענין פון הולדת בנים - המלמד את בן חבירו כאילו ילדו.

און אויף דעם זאגט רש"י "מילתא בעלמא קאמר להו", ד.ה. אז ער האט ממשיך געווען די מילתא אין עלמא - א השפעה חדשה אין וועלט - וואס דערפאר איז דאס "להו", צו בני אחתי' דוקא - ווארום דאס איז ניט געווען אין בית המדרש וואו ס'זיינען געווען אויך זיינע תלמידים, נאר דאס האט ער געזאגט צו בני אחתי'.

לח. ויומתק יותר עפ"י הביאור פארוואס אין סוטה שטייט "יוחני בת רטיבי", און ר"ט האט נאר געזאגט "יוחני" ניט בת רטיבי:

די גמ' (סנהדרין סז, ב ובפירש"י שם ד"ה פשר) זאגט אז מכשפות נבדקין על מים ונמוחין, וואס לפי"ז איז מובן פארוואס די אלמנה שובבית הייסט "בת רטיבי", ווייל די הולדה לפועל איז געווען דורך דעם וואס זי האט מתיר געווען די כשפים, וואס דאס איז דאך ע"י מים, און דערפאר הייסט זי "בת רטיבי";

משא"כ ביי ר' טרפון'ן איז דאך געווען אן ענין אמיתי פון הולדה - דערפאר זאגט ער נאר יוחני, וואס דאס איז מרמז אויף אן ענין של נס וההולדה.

לט. דערמיט ווערט מען אויך פארשטיין בנוגע צו פירש"י אין פשש"מ, פארוואס זי הייסט קטורה דוקא, ווייל מעשיה נאים כקטורת.

דלכאו': וואס איז דער אויפטו פון קטורת דוקא; מ'האט דאך געקענט זאגן אז מעשיה נאים ווי הקרבת הקרבנות?

איז דער ביאור בזה ע"פ הנ"ל, אז דא איז צוגעקומען די מעלה פון תשובה, וואס דאס איז פארבונדן מיט קטורת, ווייל אין קטורת זיינען דא י"א סממנים, וואס דער מספר י"א איז דאך מורה אויף לעו"ז (לקו"ת ראה לא, ב ועוד) און ווי די גמ' (כריתות ו, ב) זאגט אז כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית, און מ'לערנט דאס אראפ דערפון וואס אין קטורת איז געווען אויך חלבנה, שריחה רע (וראה כלי יקר עה"פ כאן).

מ. דער ענין פון "ויוסף אברהם וגו'" האט גע'פועל'ט אויף בני קטורה, ווי דער רמב"ם (הל' מלכים פ"י ה"ח) זאגט אז בני קטורה זיינען מחויב אין מצות מילה,

וואס דאס איז דאך די ערשטע מצוה וואס אברהם איז אויף איר נצטווה געווארן, און ער האט זיך אויף איר מוסר נפש געווען, און זי איז געווען

חביבה עליו, ביז אז ער האט משביע געווען אליעזר דוקא "תחת ירכי", ניט תפילין, ניט אנדערע מצוות - נאר דוקא מילה.

און דער ענין פון מילה איז, ווי דער צ"צ ברענגט אין די דרושים אין אוה"ת (יוהכ"פ א'תקנח), אז מי יעלה לנו השמימה איז ר"ת מילה, און ס"ת הוי' - ד.ה. אז מצות מילה איז העכער פון שם הוי', העכער פון השתלשלות - און דעם ענין האט אברהם ממשיך געווען אין בני קטורה.

מא. ויה"ר, ס'זאל זיין ווי ער זאגט אין אגה"ק (ס"ד), אז דורך דעם וואס ס'וועט זיין יעצט דער "ומלתם את ערלת לבבכם"

- כידוע דער ווארט וואס דער רבי דער שווער האט איבער געזאגט פון רבי'ן מהר"ש, און פון דעם ראגאטשאווער, אז א קרעכץ פון א אידן איז תשובה עילאה (ווי ס'איז שוין געדרוקט אין לקו"ד (ח"ד ע' תשכ)) -

וועט זיין לעתיד לבוא דער "ומל ה"א את לבבך וגו'", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

נתן המזונות להשלוחים הנוסעים לישיבת תורת אמת בירושלים, וצוה להם להתוועד בתורת אמת, ביהכנ"ס צ"צ, כותל מערבי, וחברון.

אחר מנחה התחיל לנגן ניעט ניקאווא.

* * *